#### הלכה א: תפילת הציבור נשמעת תמיד

##### תפילת הציבור ווערט אלעמאל נתקבל

זאגט דער רמב"ם אזוי: **"תפילת הציבור נשמעת תמיד"**. ס'איז דא א פסק הלכה. ס'איז דא הלכות פאר יודן, און ס'איז דא הלכות פאר'ן רבונו של עולם. דער רבונו של עולם דארף וויסן אז ווען ס'קומט א יחיד אין ביתו מיט א תפילה, נישט אלעמאל דארף ער אים ענטפערן נאר ווי ער וויל. אבער דער וואס איז נאר ברצון, דער יחיד איז א צדיק, קומט עס קומט זיך אים.

אבער א ציבור דארף דער רבונו של עולם אלעמאל ענטפערן. דאס איז א הלכה פאר'ן רבונו של עולם.

איך מיין אז דער רמב"ם רעדט זייער הלכה'דיג, ווייל אין הלכות תפילה פרק ד' האט דער רמב"ם געזאגט די זאכן וואס שטערן דאווענען. די ערשטע זאך איז געווען כוונת הלב. וואס הייסט כוונת הלב? אז מ'דאווענט כאילו, אזוי ווי ער דרוקט זיך אויס דארט, מיין איך, אין פרק ב', אז ער רעדט לפני המלך, ער רעדט מיט די שכינה, ס'איז א געוויסע מיינדסעט, ס'איז א געוויסע מדריגה. און אויב דאווענט מען נישט אויף די מדריגה, ווערט די תפילה נישט נתקבל, אדער עט ליעסט איז עס נישט קיין תפילה וואס מ'האט געטון כתקנה.

זאגט ער, תפילת הציבור, אפילו ס'איז נישטא די כוונה, ס'איז נישטא די לעוועל פון כוונה, **אפילו אויב הם חוטאים**, חוטאים מיינט, ס'פעלט די טהרת הלב לתפילה, ס'פעלט די... איך בין נישט מסכים, איך מיין אז ס'פעלט די תנאי פון כוונת הלב, אבער פון דעסטוועגן **אין הקב"ה מואס תפילתן של רבים**, און דאס אליין העלפט.

**ביאור: תפילת הציבור אליין איז א מין כוונה**

אבער ס'איז נישט אזוי אויפגעפרעגט, ווייל דו גייסט דאך נישט ארויסגיין פון די ווידיאו, א תפילת הציבור אליין איז א מין כוונה. דער גאנצער עולם שטייט און דאווענט, דאס הייסט אז ס'איז דא א כוונה, וואס מ'איז דא ביים דאווענען.

וואס ס'שטייט אין רמב"ם איז עפעס אנדערש. ווען ער זאגט "אפילו אויב הם חוטאים, אין הקב"ה מואס תפילתן של רבים", איז דער טייטש פשוט אז דער אייבערשטער ענטפערט נאר פאר צדיקים. א רשע דאווענט אז דער אייבערשטער זאל אים טון תשובה, אדער אנדערע זאכן וואס ער דארף. יעצט האסטו מגלה געווען אז ס'איז א דבר פשוט, תפילה מיינט נישט אז דער אייבערשטער געבט פאר פרי, ער געבט פאר ווער ס'איז ראוי. תפילה איז א חיוב, א מצוה.

זאגט די הלכה, דאס קומט פון די גמרא וכדומה, אז... אויב דו וועסט קענען קויפן נאך איינס, ווייל מ'גייט זיך שלאגן אויף דעם. אויב דו גייסט ארויסגיין יעדע מאל, גייסטו ארויס פון די ווידיאו. זאגט די הלכה, די הגדה, איך ווייס נישט וויאזוי מ'רופט דאס, אבער זאגט די הלכה אז ווען א ציבור אידן דאווענען, איז פשט אז אין יעדער ציבור איז דא צדיקים, לכאורה דאס איז די סברא. אז דו האסט א חוטא, נישט יעדער איינער איז א חוטא, און מ'קען זאגן אז אפילו די כלל, סך הכל איז נישט קיין חוטא, באופן כללי האט יעדער איינער זיינע מעלות און זיינע חסרונות. סך הכל, דער כלל קומט זיך אלעמאל, און די תפילה של ציבור העלפט אלעמאל. און די מעלה איז נישט נאר דעם.

**לפיכך צריך אדם לשתף עצמו עם הציבור**

לפיכך, לאמיר גיין ווייטער. לפיכך, יא, לפיכך, **צריך אדם לשתף עצמו עם הציבור**, אז א מענטש דארף זיך פארשטעלן, זיך מאכן א שותפות מיט די ציבור, **ולא יתפלל יחידי כל זמן שיכול להתפלל עם הציבור**. דאס הייסט, נישט נאר די תפילה פון כללות פון די ציבור ווערט נתקבל, נאר אויב איך וויל אז מיין תפילה זאל ווערן נתקבל, גיי איך אריין אין די ציבור, און דעמאלטס כאפט זיך אריין מיין תפילה מיט די תפילה פון די ציבור. ס'העלפט פאר די יחיד אויך, נישט נאר ס'העלפט פאר די ציבור, ס'העלפט אויך פאר די יחיד אז די זכות הציבור העלפט אים אז זיין תפילה זאל נתקבל ווערן. אזוי מיינעך איס די פשט.

**חידוש: די ערשטע מאל וואס מ'רעדט פון "נשמעת"**

אוודאי קען מען, ווער ס'וויל עס ראציאנאליזירן, דארף זאגן אז דאס וואס דער אייבערשטער ענטפערט נאר פאר צדיקים איז אויך א שכל'דיגע זאך. ער האט נאך נישט אויסגערעכנט אז א תפילה נאר א תפילה פון א צדיק ווערט נתקבל. ער האט נאך נישט אויסגערעכנט אז בכלל א תפילה ווערט געענטפערט. ער האט נאך נישט אויסגערעכנט אז בכלל מען דארף ענטפערן די תפילה. דא איז די ערשטע מאל וואס מען רעדט פון נשמעת. יא? ביז יעצט האט מען סך הכל געזאגט אז ס'איז א מצוה צו דאווענען, און נאך נישט געזאגט אז דער אייבערשטער העלפט. דאס איז די ערשטע מאל וואס מען הייבט אן צו רעדן הלכות פאר'ן אייבערשטן, יא? איך רוף עס הלכות פאר'ן אייבערשטן, ס'איז פאני.

**רבינו יונה: לשתף עצמו = אויך לשון רבים**

און איך האב געמיינט אז דער פשט איז נישט אזא שלעכטע פשט, ס'איז טאקע נישט אזוי שטארק פשוט. אבער ווייטער, לעולם, ס'איז אמת אז רבינו יונה זאגט טאקע די פשט, ער זאגט אויך אז ער לייגט צו א חידוש, אז אין די שעת לשתף עצמו עם הציבור, ס'איז פשוט מיינט עס אז מ'זאל גיין דאווענען אין בית המדרש ווען די עולם דאווענט. אבער רבינו יונה זאגט אז ס'מיינט אויך אז די לשון התפילה זאל זיין א לשון רבים. אזוי ווי מ'זעט אין שמונה עשרה, אלעס זאגט מען בלשון רבים, מ'זאגט נישט "רפאני", מ'זאגט "רפאנו", מ'זאגט נישט "סלח לי", מ'זאגט "סלח לנו", "השיבנו", יא? וועסטו זאגן, ס'איז דא א חילוק פון "נו" און "ני". מ'זאגט נישט "שמע קולי", מ'זאגט "שמע קולנו". און די פשט איז, אזוי זאגט רבינו יונה, אז דער מענטש איז בעסער מחבר, ער זאגט, "איך, נישט נאר איך דארף א סליחה, די גאנצע כלל ישראל, אלע אידן דארפן א סליחה." איז ער זיך משתתף עם הציבור.

**"כל זמן שיכול" — ווען ער קען**

אקעי. אבער מ'זעט די גדר פון די רמב"ם איז "כל זמן שיכול". דאס הייסט, ווען ער קען דאווענען מיט'ן ציבור, זאל ער קענען. אה, איך מיין "כל זמן שיכול" איז שוין אויך א זמן הלכה, ווייל ס'איז דא א מצוה צו דאווענען ווי פריער. דאס הייסט, דאווענען בנץ החמה איז בעסער ווי דאווענען מיט'ן ציבור שפעטער. און לאמיר זאגן אז דער ציבור האט א שפעטערדיגע זמן, זאל ער נאכנישט דאווענען ווי לאנג ער קען נאך דאווענען מיט'ן ציבור. איינמאל דער ציבור האט שוין געדאווענט, גייט ער דאווענען, אבער ער זאל ווארטן אויף דעם. אבער די טייטש איז, כל זמן שיכול, ווען ס'איז אים שייך. ס'איז אזוי, ער זאגט נישט חייב להתפלל בציבור, ער זאגט אויב דו קענסט, דו האסט צוויי אפציעס, דו קענסט דאווענען ביחיד, דו קענסט דאווענען בציבור, זאלסטו דאווענען בציבור. אויב דו האסט נישט קיין צוויי אפציעס, איז שוין נישטא קיין שאלה. ס'איז דאך ווייטער א חיוב פון תפילת יחיד.

ניין, אבער ס'קען אויך זיין אז אויב א מענטש טראכט, איך זאל דאווענען ביי זיך, און ס'גייט נאך זיין א תפילה בציבור, כל זמן שיכול להתפלל בציבור, זאל ער נאכנישט אליין דאווענען. אבער דאס איז נישט די טייטש פון די ווערטער. ניין, אבער איך זאג ווי ס'איז נוגע כלפי הלכה, דאס איז אן אנדערע שאלה. א מענטש וועקט זיך אויף ביי ותיקין, ס'גייט נאך זיין מנינים, זאל ער ווארטן. דאס שטייט נישט. דאס איז א שאלה להלכה, צו די מעלה פון תפילה בציבור איז גרעסער פון די מעלה פון תפילה בזמנה. דארף מען פרעגן אן עקסטערע שאלה. יא, אבער איך מיין אז דאס שטייט נישט דא. דא שטייט נאר פשוט, לפיכך ווען ער קען נישט. אויב ער קען נישט, איינער האט, אזויווי דער רמב"ן ברענגט, הכל לשם שמים, איינער האט א וויכטיגערע זאך, און ער קען נישט גיין אין בית המדרש, זאל ער דאווענען. דער רמב"ן זאגט אז ס'איז א מחלוקת.

**לעולם ישכים אדם ויעריב לבית הכנסת**

לעולם, אה, נאכדעם זאגט דער רמב"ן נאך א זאך. **לעולם**, חוץ די תקנה פון דאווענען בציבור, איז דא נאך א חשוב'ע זאך פון דאווענען אין א בית המדרש. **לעולם ישכים אדם ויעריב לבית הכנסת**, א מענטש זאל אייביג קומען צו פרי צו שחרית און ביינאכט צו מעריב לבית הכנסת, **שאין תפילתו של אדם נשמעת בכל עת אלא בבית הכנסת**. די תפילה פון א מענטש ווערט נישט געהערט בכל עת, אלעמאל, אלא בבית הכנסת.

דאס מיינט צו זאגן, די בית הכנסת דא וואס ער וויל דא זאגן, בית הכנסת דא מיינט נישט דווקא בציבור, ווייל אפילו א מענטש דאווענט אליין, זאל ער עס ענדערש טון אין א בית המדרש. יא, דאס קען זיין. אבער לכאורה פון די לשון "בכל עת" מיינט צו זאגן אלא בבית הכנסת שהוא של ציבור מתפללים. ווייל אויב וואלט דאס געווען אן ענין פון א געאגראפיע, א פלאץ וואו די בית

הכנסת איז, וואלט געשטאנען "בכל מקום". ניין, "בכל עת" מיינט ווען א מענטש דאוונט, נאר אין בית הכנסת וואס איז פשוטו של מקרא. נאכאמאל, "בכל עת" איז טייטש, אז געוועגליך ווען דו דאוונסט, אמאל ענטפערט דיר דער אייבערשטער, אמאל ענטפערט ער דיר נישט. און זאגען אז ס'איז דא אן ענין מיט דאוונען, נישט אז ס'דאוונען מיט דאוונען.

**תפילה בבית הכנסת: "שאין תפילתו של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת"**

**הלכה: תפילה בבית הכנסת — "בכל עת"**

**די תפילה פון א מענטש ווערט נישט געהערט בכל עת אלא בבית הכנסת.**

דאס וואס זיי ווילן דא זאגן, א בית הכנסת דא מיינט נישט דווקא בציבור. אפילו א מענטש דאוונט אליין, זאל ער עס ענדערש טון אין א בית המדרש.

אבער לכאורה פון די לשון "בכל עת" מיינט עס צו זאגן "אלא בבית הכנסת", דאס איז חשוב ווי א ציבור מתפללים. ווייל אויב וואלט עס געווען אן ענין פון א געאגראפיע, א פלאץ וואו די בית הכנסת איז, וואלט געשטאנען "בכל מקום". ניין, "בכל עת" מיינט אז ווען א מענטש דאוונט דארט אין בית הכנסת, איז חשוב ווי א ציבור מתפללים.

בכל עת איז די טייטש אז געוועגליך ווען דו דאוונסט, אמאל ענטפערט דיך דער אייבערשטער און אמאל ענטפערט ער דיך נישט, אזוי ווי מ'זאגט לגבי די ציבור. אויב דו דאוונסט אין בית הכנסת, ענטפערט ער דיך אלעמאל. דאס איז די טייטש פון "בכל עת".

**פשט'ער טייטש: "ישכים ויעריב לבית המדרש"**

אבער איך מיין אז פשוט'ע טייטש מיינט עס... די גמרא זאגט אז מ'זאל גיין אין בית המדרש, זאל מען זיך אנשטרענגען. פשוט'ע טייטש מיינט עס אזוי: א מענטש זאגט, "איך גיי נישט, ווייל איך ווייס נישט צו ס'איז דא א מנין צו נישט." זאגט ער, "ניין, קודם כל, אינדערפרי און ביינאכט גיי אין בית המדרש. דו ווערסט זען אז ס'וועט זיין א מנין, ווערסטו מיטדאוונען. אויב נישט, ווערסטו דאוונען אליינס."

איך מיין אז דווקא די אידייע פון די הלכה אז מ'זאל דאוונען אין בית המדרש אפילו אן א ציבור, ס'איז אמת אז ס'איז דא אזעלכע וואס פארטייטשן די הלכה, אבער איך ווייס נישט אויב די לשון "ישכים ויעריב" מיינט דאס. ער זאגט אז מ'זאל גיין יעדן טאג אין בית המדרש, ווייל געוועגליך איז דארט דא א מנין. אזוי מיין איך.

**די הלכה שאפט דעם מנין**

אמאל, דו דארפסט טראכטן, וויאזוי ווערט א מנין אין בית המדרש? ווייל אויב יעדער איינער זאגט, "אפשר איז נישט דא קיין מנין, איך קום נישט," דארף מען זאגן א הלכה פאר יעדער איינער זאל גיין אין בית המדרש, אזוי וועט טאקע ווערן א מנין אין בית המדרש. נישט אז יעדער איינער זאל זאגן, "איך בין נישט מחויב, און אויב איך וועל נישט קומען קען איך נישט קומען, און ס'וועט נישט זיין קיין מנין."

אונז קוקן עס אן זייער שטארק אזוי ווי א זייגער, זיבן אזייגער דאוונט מען. אבער אמאל האט מען געלעבט מיט "נעיטשער". דער האן האט געקרייט, ס'איז געווארן צופרי, איז מען געגאנגען אין בית המדרש. דאס איז די טייטש "ישכים" — ווען ס'איז צופרי זאלסטו גיין אין בית המדרש. און ווען ס'ווערט טונקל, ווייסטו אז יעצט קען מען זיך נאך צוזאמקומען פאר מנחה-מעריב, גיי אין בית המדרש.

אבער ער זאגט אז די הלכה, דאס איז די הלכה וואס מאכט אז ס'זאל טאקע זיין א מנין אין בית המדרש. ס'איז דא אסאך מענטשן, און אלעמאל זאגסטו אז ס'איז געוועגליך דא, אבער דאס איז די הלכה.

**צוזאמענבינדן מיט תפילת הרבים**

סאו די הלכה, די **שאין תפילתו של אדם נשמעת אלא בבית הכנסת**, איז ממש די זעלבע הלכה ווי תפילת היחיד. אויב איז דא חטאים, איז דער אייבערשטער יום אין מעת. אבער תפילת הרבים נישט. דאס איז די זעלבע זאך.

איך מיין אויך, עס קען זיין אפילו אויב ס'איז נישט דא קיין דין תפילת הרבים, איז אבער נאך אלץ דא א שטיקל תפילה פון... ס'איז נישט דא קיין מנין וואס האלט ביי די זעלבע פלאץ, אבער ס'איז דא צען מענטשן אין ביהמ"ד וואס דאווענען, יעדער דאוונט זיך זיינס.

אקעי, אמת, ס'איז דא אפילו וואס זאגן אנדערע זאכן, ס'שטייט אין די גמרא אז מ'זאל דאווענען אינדערהיים, אויב ער קען נישט גיין אין ביהמ"ד, זאל ער דאווענען אינדערהיים אין די צייט וואס דער ציבור דאוונט, ס'איז דא אלע מיני וועגן וויאזוי זיך צו קאנעקטן מיט די ציבור.

**"עשרה ראשונים"**

אבער איך מיין אז ער ברענגט אז די גמרא פון "ישר כחם ויאריך ימיכם" וואס הייסט אויך אז ס'וועט זיין "עשרה ראשונים". איך מיין "עשרה ראשונים" איז נישט קיין מעדזשער, ס'מיינט צו זאגן ווייל ס'דארף דאך איינער זאל מאכן א ביהמ"ד, אז דאס מאכט אז ס'זאל זיין א מנין, אז דער עולם שטייט אויפן טעלעפאן און דער גייט ווארטן אז ס'וועט זיין צען מענטשן.

די הלכה איז געשריבן געווארן פאר די בלאק, די בלאק, זיי זענען אלע צען אידן, זיי זאלן אלע גיין אין ביהמ"ד אין דער פרי און מאכן מנין. ס'איז שטימט זייער גוט.

**הלכה: "שכן רע" — ווער עס גייט נישט אין בית הכנסת**

קוק די נעקסטע שטיקל, זאגט ווייטער דער רמב"ם, דאס איז שוין אויך א סאושעל שטיקל, ווייטער די חסד פארן...

זאגט דער רמב"ם אזוי, איינער וואס האט א ביהמ"ד אין זיין שטאט, און ער גייט נישט אריין מאכן זיכער אז ס'איז דא א מנין, נאר ער דאוונט זיך ווען ס'איז דא א מנין, ער איז א שכן רע.

מ'רעדט נישט דא פון... ס'איז נישט קיין דין אין הלכות תפילה, ס'איז א דין אין הלכות משתתף זיין מיט'ן ציבור. מ'קומט אין ביהמ"ד, מ'איז סטאק דער זיבעטער, און נאר מ'איז דא א צענטער.

ר' יואל, איך האב נגיעות, איך ליין דאס, איך קען נישט גלייבן די הלכה. איך האב אויך די זעלבע נגיעות.

ס'שטייט אזוי, **וכל מי שיש לו בית הכנסת בעירו ואינו נכנס בו להתפלל נקרא שכן רע.** ס'שטייט נישט אז ער דאוונט נישט מיט מנין. ער האט א ביהמ"ד אין זיין שטאט, וואס איז דאס? א פלאץ וואו מ'קען דאווענען אין זיין ביהמ"ד, ער גייט נישט אהין דאווענען, ער ווערט אנגערופן א שכן רע.

**צוויי חסרונות**

דאס הייסט, אזא מענטש טוט צוויי חסרונות: איינס, ער פאלגט נישט די מצוה פון דאווענען מיט'ן ציבור. ס'קען זיין אז ער דארף טאקע נישט, ווייל ער איז נישט קיין חוטא, ער איז א פיינער איד. אבער עט ליעסט איז ער א שכן רע, ווייל יעצט גייט מען זיך מוטשען אין ביהמ"ד, און ער איז נישט קיין חלק פון די ציבור.

**פסק הלכה: אפילו ווען ס'איז א ספק מנין**

איך האב אויך נגיעות, איך וויל צולייגן נאך איינס. פסק הלכה אין דעם, אז דאס מיינט אפילו אז ער זאגט, דא איז דאך דא א ספק מנין, ווייל איך האב נאר דא צען, ס'איז נאר דא צען יונגעלייט וואס וואוינען אין דער שטאט, און איך דארף אלעס אנקומען, ער וויל זיין זיכער, ער איז דאך מעכב אז זיינע אייגענע איברים...

די גאנצע מעלה פון תפילה בציבור איז אז מ'איז מעכב נישט זיין באקוועמליכקייט, נאר מ'גיבט זיך אוועק פאר'ן ציבור.

קומט ער אהער און זאגט, ניין, איך וויל יא האבן די תפילה בציבור, ממילא קום איך נישט קיין מאל אין מיין געגנט'ס בית המדרש, איך גיי ערגעץ אנדערשוואו ווייטערס, ווייל דארט האב איך בעסער ליב צו דאווענען, און

דער עולם דא מוטשעט זיך. דאס איז טאקע א שכן רע, טאקע א שכן רע, דער אמת.

**דיגרעסיע: רבי'ס און לאקאלע שטיבלעך**

און לאמיר עס אביסל אויסברייטערן, ס'איז דא רבי'ס וואס זאגן, מיר זאמלען אפ אונזערע חסידים, מיר זענען די חסידים, מיר מאכן אן עקסטערע שול. און ס'איז דא רבי'ס וואס זענען מקפיד אויף די רמ"א, און זיי זאגן, מ'זאל זיך נישט מרחיק זיין, ס'זאל קומען איינער און ער וועט געבן א קוויטל, און ער וועט זאגן, איך גיי יעצט צוזאמרופן יעדע שכן פון די נעקסטע צוואנציק גאסן, און איך מאך א קליינע שטיבל פון פופצן פון מיינע חסידים, און זיי זאלן נישט דאווענען אין די לאקאלע גוטע בתי מדרשים. אקעי, דאס איז אן אנדערע חקירה, ס'איז א שמועס פאר זיך. ניין, דאס איז איינער פון די טריישאות פון די בית הכנסת בעירם, מ'רעדט נישט פון וועם מ'רעדט.

איך ווייס מיין זיידע, מיין עלטער זיידע איז געווען א בעלזער חסיד, ער איז געווען א שטיקל עסקן אין די בעלזער שטיבל אין וויליאמסבורג, און איך האב געזען אין זיין היים אסאך בריוון, אפאר בריוון פון די בעלזער רב, פון די גבאי פויגל, ער שרייבט אז די רב, ווען מ'מאכט די שטיבל, די רב בעט זיך זייער שטארק נאך צו די שטיבל פון בעלזא, נישט צו נאנט צו די סקווירא שטיבל - די סקווירא רבי איז געווען א בעלזער איינִיקל - און ער זאל זיין זייער מקפיד זיין אז מ'נעמט נישט צו חס ושלום קיין מנין פון די סקווירא רבי. סאו, יא, ס'איז געווען רבי'ס וואס האבן זיך גערעכנט אויך מיט אנדערע רבי'ס א מנין. אקעי, זייער גוט.

**"מדוע באתי ואין איש"**

עניוועיס, די עובד את בוראו, ווי מיין פעטער איז געקומען רעדן מיט מיין טאטן אין בית המדרש, ער האט נאכגעזאגט די משנה, אז ווען איינער קומט אין בית המדרש, די גמרא אין ברכות, די אייבערשטער קומט אין בית המדרש און ער זעט אז ס'איז נישטא קיין מנין, **מדוע באתי ואין איש**. פארוואס איז נישטא אפילו איין מענטש? ווען ס'איז דא איין עכטע איש וואלט שוין געווען, וואלט שוין געמאכט, וואלט שוין געטון.

**הלכה: מצוה לרוץ לבית הכנסת / אל יפסיע פסיעה גסה**

זאגט די רמ"א ווייטער, **מצוה לרוץ לבית הכנסת**, ס'איז א מצוה צו לויפן אין בית המדרש אריין. מ'דארף זיך משכים זיין, מ'דארף אויפשטיין פרי, און מ'דארף אויפטון מיט א זריזות, **שנאמר "נידעה נרדפה לדעת את ה'"**. מ'האלט שוין נאך מודה, מ'ווייסט שוין, יעצט גייט מען לויפן אין בית המדרש דינען די אייבערשטן.

**וכשיוצא**, פארקערט. **כשיוצא מבית הכנסת, אל יפסיע פסיעה גסה**, ער זאל נישט לויפן, ער זאל נישט וואקן אפילו מיט א גאוה, **אלא ילך מעט מעט**, ער זאל וואקן איידל, רואיג.

**דער מנוח'ס וואָרט**

סאו דער מנוח זאגט, ער זאל עס אוועקגיין פון בית המדרש. און ער וויל דורך זאגן, ווייל ער הייסט זיך מנוח, זאגט ער אזוי, אז ווען א מענטש גייט צו זיין מקום מנוחה, לויפט ער, ווייל **שם ינוחו יגיעי כח**, דארט איז ער רואיג. און ער גייט ארויס, ער וויל דאך וואלטן דארט געבליבן.

זאגט ער, איינער האט שכל, פארשטייט ער אז אין בית המדרש, דארט וויל ער זיין, אינדרויסן דארף ער זיך מוטשען און צו, ער לויפט אין בית המדרש, און ער גייט ארויס רואיג. וואס איז די מיינונג? אין בית הכנסת.

**דער מענטש וואס לויפט ארויס איז דער זעלבער וואס שטייט ביים טיר**

דער זעלבער מענטש וואס לויפט א פסיעה גסה שטייט אויך לעבן די טיר, ער כאפט די ערשטע... ער זאל קענען שנעל ארויסלויפן. ס'איז נישט קיין המשך. מ'זאל זיין אין בית המדרש מיט א קביעות, מיט א שמחה.

**הלכה: שיעור שני פתחים — יכנס שיעור שני פתחים ואחר כך יתפלל**

אקעי, ווען, **כשנכנס**. איז די אכרון **שיעור שני פתחים, ואחר כך יתפלל**. ער זאל זיך נישט טרעפן פון די גרויסע גאס ביז דירעקט אריין אין די סענטער פון די בית המדרש, ווייל מען דארף זיך, ס'איז א הכנה דרבה, מען דארף האבן א פלאץ אינדרויסן זיך צו זיין גרייט פאר די בית המדרש.

**דרך שני פתחים אדער שיעור שני פתחים?**

איך מיין אז ער זאל נישט שטיין ביי די טיר, ער זאל אריינגיין טיף אריין אין בית המדרש אזוי גרויס ווי שני פתחים, אזוי. ס'איז דא א גמרא וואס ער שמועסט, איז עס דרך שני פתחים אדער שיעור שני פתחים?

אבער מ'קען הערן אין פשטות פשטות, ס'איז דא א קליינע צימערל, מ'קומסט אריין, ס'איז ווינטער און דיין גלעזער איז פארשנייט, קום נישט אריין אין ביהמ"ד ווי א אורח, קום אריין אין ביהמ"ד ווען דו ביסט שוין גרייט צו דאווענען.

**לא יראה מזוזות פתחי**, די פתח פון פתחי, מיין טיר, די טיר פון די בית המדרש, וואו דער אייבערשטער איז, גייט מען דורך מזוזות, מ'גייט דורך צוויי טירן.

ניין, אבער דער טייטש איז, אני מיין אז דער טייטש לויט וואס שטייט אין רמב"ם שיעור שני פתחים, דער טייטש איז, נישט אז דו דארפסט נישט האבן אין די בית המדרש צוויי טירן, דו מוזט נישט האבן צוויי טירן.

**נישט זיצן ביים טיר**

די ווארט איז, ס'איז דא מענטשן וואס זיי קומען אין בית המדרש, דו זעסט, ער שטייט אלעמאל גלייך ביים טיר. פארוואס? אויף צו וויזן, איך דארף האבן א פלאץ צו זיין גרייט. ס'איז דא איינער וואס האט זיין פלאץ ביים טיר, ער שטייט דארט אין די זייט, מ'זאל אים נישט קענען פרעגן.

רעד איך צו איינער וואס, אסאך מאל זעט מען מענטשן קומען די וואכן צו מנחה, יא, ער שטייט גלייך ביים טיר. פארוואס? ווייל איך בין נאר האלב וועגס אין בית המדרש, איך באלאנג נישט דא. ניין, גיי אריין, טרעף א טיש, זעץ דיך אוועק, וואטעווער, דאס איז די, ס'איז מער אזא, ס'איז דאך דא מענטשן וואס שעמען זיך, ואון אפשר די ווארט איז וואס דו האסט געזאגט.

אה, איך האב געטראכט מיט דעם, אז ס'איז דא אסאך מאל, ס'איז דא איינער מאכט א מסיבה, איך ווייס נישט וואס, און אלע מענטשן בלייבן אין די בעק טישן. ער זאגט, "רוקט אייך אריין, רבותי, רוקט אייך אריין." וואס איז? ער שטייט זיך אזוי ווי אזא... גיי אריין צווישן די פסחים. איך הער. איך מיין אז דאס איז דער פשט.

ער זאגט, רבי נחמן זאגט, אז דא אפשר... ס'וועגדט זיך אויב דו זאגסט אז ס'איז דא א פארצימער, א פאליש, טאקע פאר דעם איז עס געמאכט, אז דער וואס וויל שטיין אינדרויסן זאל שטיין אין פאליש. דו זאלסט נישט ליידיג שטיין אין א ווינקל. ס'איז נישט קיין גוטע דין אז מ'זאל זיצן נעבן די טיר.

**מענטשן מיינען אז ס'איז אן ענוה צו זיצן אין די בעק טיש**

ס'איז די זעלבע זאך ווי מיט די פסיעה גסה. דער זעלבער מענטש וואס לויפט א פסיעה גסה שטייט אויך לעבן די טיר, ער כאפט די ערשטע... ער זאל קענען שנעל ארויסלויפן. ס'איז נישט קיין המשך. מ'זאל זיין אין בית המדרש מיט א קביעות, מיט א שמחה.

יא, איך טריי. זעסט, ס'איז נישט קיין ענין, מענטשן מיינען אז ס'איז אן ענווה צו זיצן אין די בעק טיש. די בעק טיש מיינט צו זאגן אז דו ביסט האלב וועגס אין בית המדרש. זעץ זיך אריין צווישן די פסחים.

היינט האבן מיר געזאגט, נישט צווישן די פסחים, מאך נישט קיין צוויי טישן. זעץ זיך אריין. מאך נישט אז ס'זאל זיין א טיש ביאהיינד דיך, א רודער. ווייל נישט, אזוי ווי ער זאגט, ווען ס'קומט א מענטש, איך בין א מגיד שיעור, ס'קומט א מענטש צו א שיעור, ער רוקט זיך אין די בעק. פארוואס זיצט ער אין די בעק? ער דארף קענען ארויסלויפן אינמיטן. נו, פיין, אויב דו דארפסט ארויסלויפן, לויף ארויס. אבער זעץ זיך אוועק דא. זיי א פלייער.

**הלכה: בית המדרש גדול מבית הכנסת**

יעצט קומט אן ענין, בית המדרש. מיר האבן גערעדט וועגן בית הכנסת. בית הכנסת דער טייטש, א פלאץ וואו דער עולם קומט זיך צוזאם. כנסת איז

מלשון כנסיה, יא, מ'קומט זיך צוזאם צו דאווענען. בית הוועד, בית הכנסת, די פלאץ וואו מ'איז זיך פארזאמלט.

**בית המדרש — מקום החכמים**

אבער חוץ פון דעם איז געווען, היינט איז נישטא די מציאות אזוי שטארק, אבער חוץ פון דעם איז געווען אזא זאך, א בית המדרש, מדרש מיינט וואו מ'איז דורש, וואו מ'פארשט ארויס די תורה. איך מיין אז מדרש היינט האבן מיר געטייטשט, דורש מיינט נישט לשון דרש'נען צו די ציבור. דורש מיינט אזוי ווי מחקר, פארשן. דורש אליין. מ'וואלט עס גערופן א בית המחקר. מ'פארשט. מ'פארשט אויס די תורה, און דארט לערנט מען.

ס'איז דא צוויי בתי מדרשים. ס'איז דא וואו ס'איז דא א שטענדער און איינער לערנט זיי פאר, און ס'איז דא... אונזערס איז מער א בית הכנסת, אזוי ווי ער זאגט, געווענליך. בית הכנסת לערנט מען דאך אויך.

בית המדרש איז די פלאץ וואו די יחידים, די תלמידי חכמים, זענען פארשן אויס די תורה. בית מדרשו של אברהם אבינו, בית מדרשו של שם ועבר. איך מיין אז ס'איז נישט געווען א פלאץ וואו מ'האט געגעבן א שיעור. האט מען געמאכט די שיעור אין בית המדרש. ניין, די שיעור איז געווען אין בית הכנסת. בית המדרש מיינט די אקאדעמיע, די מקום החכמים.

פארשטייט זיך אז די מקום החכמים איז חשוב'ער פון א מקום עם הארץ. דאס מיינט די הלכה, **בית המדרש גדול מבית הכנסת.** די מקום החכמים, די שטיבל ווי די רבי, ווי די חכמים לערנען, די כולל, דארט איז אוודאי א גרעסערע קדושה ווי דארט.

גדול מיינט חשוב'ער. חשוב'ער, מער הייליג, איך ווייס נישט וויאזוי מען וויל עס זאגן, יא. **חכמים גדולים אפילו של עולם בעירם ובבית הכנסת.**

**תפילת ציבור: בית המדרש, מהות תפילת ציבור, ודינים שבעשרה**

**בית המדרש חשוב'ער פון בית הכנסת**

ס'איז נישט געווען א שיעור, האט מען געמאכט די שיעור אין בית המדרש. ניין, די שיעור איז געווען אין בית הכנסת.

בית המדרש מיינט די אקאדעמיע, די מקום החכמים. איז פארשטייט זיך אז די מקום החכמים איז חשוב'ער פון די מקום העם. דאס מיינט די הלכה. בית המדרש איז גוט, און בית הכנסת... די מקום החכמים, די שטיבל ווי די רבי, wie די חכמים לערנען, די כולל, דארט איז אוודאי א גרעסערע קדושה ווי דארט. איך מיין אז דארט מיינט חשוב'ער. חשוב'ער, מער הייליג, איך ווייס נישט וויאזוי מ'וויל עס זאגן, יא.

**"חכמים גדולים שבאותו הדור, ובתי כנסיות הרבה היו להם"**, זיי האבן געהאט מערערע בתי כנסיות וואו מענטשן זענען געקומען דאווענען. אה, דאס איז א לשון וואס שטייט אויף וועמען? חכמים גדולים. דער רמב"ם וויל נישט זאגן זייער נאמען, ווייל ער מאכט מיר נישט זאגן די נאמען, ווייל איך וויל דיר עפעס זאגן. **"והיו להם בתי מדרשות הרבה, והיו מתפללין בהם"**, זיי האבן געדאווענט נאר דארטן.

רבי אמי ורבי אסי, ס'איז געווען דרייצן בתי כנסיות בטבריה, זיי האבן געדאווענט נאר ביי די עמודים דארט ווי זיי האבן געלערנט. ביי די עמודים דארט ווי זיי האבן געלערנט. **"ולא היו מתפללין אלא במקום שהיו עוסקין בו בתורה"**, נאר וואו זיי האבן געלערנט.

**מחלוקת ראשונים: תפילה ביחידות אדער בציבור?**

אבער דער רמב"ם לייגט דאך אריין א תנאי, **"והוא שיתפלל שם תפילת צבור"**. דאס הייסט, ס'איז נישט אזוי קלאר, ס'איז דא א מחלוקת ראשונים וויאזוי מ'לערנט די גמרא. דו ווילסט זאגן אז ס'מיינט אז זיי האבן געלערנט, זיי האבן נישט געגאנגען אין בית הכנסת, זיי האבן געדאווענט ביחידות, ווייל זיי האבן געהאלטן אז די מקום וואו זיי לערנען איז חשוב'ער פון די תפילה. אבער דער רמב"ם לערנט ניין, ס'איז געווען א מנין אין בית המדרש, איז אויך געווען א מנין. די ווארט איז אז זיי האבן געדאווענט אין יענעם מנין, ווייל זיי האבן נאכגעגאלט די קדושה. ס'דארף זיין א תפילת הציבור אין בית המדרש. אבער... מ'דארף... יא, גוט.

**פראקטישע נפקא מינה: ווער געהערט אין בית המדרש?**

גייען מיר ווייטער. "קריאת התורה בתפילת הציבור". גייען מיר גיין ווייטער. שוין, עד כאן האבן מיר געלערנט די מעלה פון תפילת הציבור, אז די תפילת הציבור איז זייער חשוב, און מ'דארף גיין אין בית המדרש, אין בית הכנסת, אדער אויב ס'איז דא א בית המדרש. קען זיין אז די חכמים, מילא, יעדער איינער קען גיין אין בית המדרש. אבער וואס איז דא א בית הכנסת?

איך האב געטראכט דאס, די בית המדרש, רבי אמי ורבי אסי זענען געגאנגען דאווענען דארטן וואו זיי לערנען, ווייל ס'איז געווען זייער מקום קדוש, ס'איז געווען א פלאץ וואס איז הייליג, ווייל זיי דאווענען דארטן און לערנען דארטן. סאו א תלמיד חכם האט א פלאץ אין בית המדרש, זאל ער גיין דארטן דאווענען. אבער אן עם הארץ זאל בלייבן אין די בתי כנסיות פאר א ריזן, ווייל דארטן איז וואו דו באלאנגסט. אז דו לערנסט נישט דא, כאפסטו זיך נישט מיט א היטש מיט די זכות פון די בית המדרש.

מ'קען לערנען אזוי, אז ס'איז א מקום קדוש. סאו דער רמב"ם האט געזאגט משה רבינו'ס א פלאץ וואו אידן דאווענען ווערט הייליג די פלאץ, אבער די פשטות, דער חכם זאל קומען דאווענען אין בית המדרש, ווייל דאן איז די יראה, ער לעבט, ער פייערט. סאו רבי אמי ורבי אסי, אהיכא דהוו גרסי, וואו זיי האבן געלערנט, און דער רמב"ם זאגט אויך, שכל עוסקים בה בתורה, יא? סאו מקום קבוע עוסקים בו בתורה, מען קען עס לערנען די פלאץ וואו אין יענע בית המדרש האבן זיי געלערנט, אבער ער מיינט דא אין די פלאץ וואו די חסידים האבן געלערנט. זייער גוט.

דאס איז די מקור אז די משגיחים, אז א ישיבה בחור דארף דאווענען אין זיין ישיבה. און סתם דאס איז נישט פארוואס די רבי'ס וואס האבן געדאווענט אין א שטיבל, האבן געדאווענט אין א שטיבל, זיי האבן געהאט דארטן, דארטן טוען זיי עבודת השם א גאנצן טאג, זיי האבן מקום קבוע פון אידן. למשל דא, דא אידן'ס לערנען דארפן מאכן... לויט די רבי'ס דארפן דא מאכן א מנין, אדער און אנדערע שוין, איז ער בעסער אפילו דא צו דאווענען די יחידות.

**דיסקוסיע: וואס מיינט "תפילת ציבור"?**

און ס'קען אפילו זיין, **"ושם יתפלל תפילת ציבור"** קען אויך גאר מיינען אז ער דאווענט די מין דאווענען וואס עוסק בתורה קען.

**Speaker 2:** איי, יא, דאס איז שוין אזא תירוץ, אזוי ווי דו ווילסט מיר אריינעמען, מ'דאווענט די עוסק בתורה פאר'ן עמוד.

**Speaker 1:** **"ושם יתפלל"**, וועלכע מין דאווענען? תפילת ציבור! די דאווענען וואס איז שמונה עשרה איז דער בעל תפילה הויך קול רם, און די אנדערע עונים אמן. אז דאס איז די טייטש תפילת ציבור, דרך אגב, אז דער תפילת לחש איז נישט עמטליך תפילת ציבור, דאס וויל איך מחדש זיין דא. תפילת בציבור איז די טייטש, נישט פשט אז צען מענטשן דאווענען יעדע איינער פאר זיך עקסטער צוזאמען מיט די ציבור. דא, ציבור, מ'דאווענט עס זיין, עס הייסט איינער דאווענט אינער אינער דאווענען, ווייל אין תפילת יחיד האט דער רמב"ם געזאגט צריך להשמיע לאזנו, ס'איז נישט קיין שתיקה וואס מען ליינט. דער רמב"ם האט געזאגט אז ס'איז נישט גענוג אזוי ווי מען ליינט קודראם א טיפר. ס'דארף זיין ביי שמואל לאזנו. דא איז בהכל שומן, ס'איז זייער אינדערשט, ווייל תפילת היחיד דארף ער ארויסברענגען משמיע לאזנו.

**Speaker 2:** יא, יא, אוודאי, דאס איז בלאך, ער הערט אויס.

**Speaker 1:** יעצט, וואס מיינט תפילה בציבור?

**Speaker 2:** ניין, איך זאג א טראפ מער. איך זאג אז ס'זעט מיר אויס אז די עיקר תפילה איז הערן די ווערטער פון תפילה. אוודאי, אוודאי. ווען מ'הערט פון די בעל תפילה הערט מען די בעל תפילה, און ווען מ'הערט אליין הערט מען משמיע לאזנו, ער הערט זיין אייגענע דאווענען.

**Speaker 1:** איך בין נישט מסכים. איך בין נישט מסכים.

**Speaker 2:** מ'קען הערן אז די קריעה איזביידע זאכן צוזאמען. ס'איז א שיעור אין די קריעה.

**Speaker 1:** תפילה בציבור איז די טייטש אז מ'דאווענט צוזאמען מיט א ציבור. וואס מיינט מ'דאווענט צוזאמען מיט א ציבור? מ'הערט אויס דארט איינער וואס זאגט פאר פאר יעדעם.

**Speaker 2:** רייט. אבער איך זאג ביי תפילת יחיד האט ער געזאגט וויאזוי ער איז משמיע לאזנו, איז קען זיין דאס איז די עיקר פון יוצא זיין, מיט'ן הערן די קולות, משמיע לאזנו, משמיע לאזנו.

**Speaker 1:** איך בין נישט מסכים. איך בין נישט מסכים. נישט שטימט.

**הלכה ד: כיצד תפילת הציבור**

**"ואין עושין כן".** ווער איז ציבור? א ציבור מיינט צען. ואין עושין כן, דאס מיינט צו תפילה בציבור.

**Speaker 2:** ניין, ער וויל זאגן אז תפילה בציבור מיינט אז איינער זאגט הויך און די אנדערע הערן אויס. וואס טראכטסטו, אז איך וועל זאגן הויך און דו וועסט אויך זאגן הויך? ניין, מ'מאכט נישט קיין תפילה בציבור ווי לאנג ס'איז נאכנישט דא קיין צען.

**Speaker 1:** איך האב עס אים געזאגט. תפילה בציבור איז א סארט מהות, א סארט וועג וויאזוי מ'דאווענט. נישט אז יעדער איינער דאווענט פאר זיך, נאר מ'דאווענט בציבור. אבער כדי מ'זאל מאכן אזא סארט תפילה בציבור, האבן די חכמים געזאגט, האט די רבונו של עולם געזאגט, אז מ'מאכט... פארוואס דאס פאסט נישט? א ציבור דארף זיין על כל פנים צען מענטשן, נישט עפעס אזוי. שליח ציבור אחד מהם. יא, דאס הייסט ס'דארף דאווענען ניין מענטשן חוץ פון די שליח ציבור. גוט.

ווייטער.

**Speaker 2:** אזוי גייט די רמב"ם, אפילו הויך מקצתן.

**Speaker 1:** יא, ס'שטייט זייער וויכטיג, ער ברענגט טאקע אזוי, ס'שטייט אין די פוסקים און אנדערע, אז דאס וואס צען מענטשן, די תפילת לחש איז נישט תפילה בציבור. דאס וואס צען מענטשן דאווענען די זעלבע צייט, דאס מיינט נאך נישט תפילה בציבור. תפילה בציבור מיינט נאר אז איינער רעדט און די אנדערע הערן אויס.

**דיסקוסיע: שומע כעונה און צען**

**Speaker 2:** ס'איז דא א נפקא מינה להלכה למעשה, למשל, אז אויב פינף מענטשן שטייען צוזאמען און איינער זאגט הויך די שמונה עשרה און די אנדערע הערן אויס, האבן זיי נישט יוצא געווען? זיי דארפן מאכן משמיע לאזנם אליין, אדער האט די שומע כעונה געארבעט ווייטער?

**Speaker 1:** דאס קען זיין, אבער ס'איז נישט קיין תפילה בציבור. תפילה בציבור מיינט אז צען אידן הערן אויס, אדער ניין אידן.

**Speaker 2:** אקעי, איז דארף מען וויסן צו ס'איז דא אן עקסטערע דין פון שומע כעונה. ס'קומט נישט אזוי שטארק אריין דא. אבער איך פרעג צו מ'איז יוצא אויב אפאר מענטשן זאגן צוזאמען. אבער דא איז די שאלה צו מ'זאל עס טון, צו מ'זאל עס נישט טון אין בית המדרש, צו דערביי פאלט אמרות. אבער דאס איז נישט שמיעת קולו, דאס איז נישט שמיעת קולו, דער עולם, יא גוט?

**Speaker 1:** אה, ואין עושין כן, יא, ווייל אפילו, איך וויל אביסל בעסער פארשטיין, ביי ואין עושין כן, ס'קען זיין אז מ'רעדט זיך דא אום בית המדרש, אום בית המדרש וואן ס'איז דא צען שטערט מען די דאווענען און מ'מאכט א תפילת הציבור. וואס איך מיין צו פרעגן, ואין עושין כן מיינט מ'איז נישט קיין חיוב, אדער ס'טייטש אז מ'איז נישט יוצא פון הערן יענעם דאווענען אויב ס'איז נישט בכה המסורה. נישט קיין תפילה בציבור, מ'קען זען נאך זאכן וואס איז נאר בציבור. ציבור דארף זיין א ציבור, ציבור איז נישט גענוג דריי מענטשן, ציבור דארף זיין א שטיקל ציבור, די מינימום ציבור איז צען מענטשן, דאס איז די פראבלעם.

**כבר התפללו — משלימין עשרה**

וכן, זאגט ער, די צען מוזן נישט זיין צען וואס דאווענען, אפילו אויב דאס איז אין כבר התפללו, אפילו א חלק פון זיי האבן שוין געדאווענט. די הוי קומט נישט אזוי אריין. אפילו אויב די צען מוזן נישט זיין כבר התפללו ויצאו ידי חובתן, חלק זיי, ס'טייטש ווייניגער ווי די מיעוט, ס'טייטש די פיר פון זיי, משלימין עשרה, ושיעור רוב עשרה מתפללים, אויב רוב פון די צען דאווענען, קען זיין א מיעוט וואס דאווענען נישט און זיי זענען דארט משלים צו צען. נישט אז זיי דאווענען נישט, קיינער דאווענט נישט, לאמיר פארשטיין, קיינער דאווענט נישט, ער האט שוין געדאווענט פאר זיך, אדער ער האט שוין געהערט פון א צווייטן שליח ציבור וכדומה.

**הלכה ד (המשך): זאכן וואס מען טוט נאר בעשרה**

וכן נאך א זאך, נאך זאכן וואס איז דא נאר בעשרה, תפילת ציבור טוט מען נאר בעשרה. און נאך א פאר זאכן וואס מען טוט נישט נאר בעשרה. וכן, **אין אומרים קדושה,** מען זאגט נישט קדושה, אדער ווי אנדערע האבן די גירסא, אין אומרים קדושה דסדרא, וואס? **ולא קורין בתורה ומברכין לפניה ולאחריה,** יא, קריאת התורה קענסטו טון וואס דו ווילסט, אבער מ'טוט נישט קיין ברכת התורה מיט א קריאת התורה, **און מ'מאכט נישט קיין הפטרה בנביא, אלא בעשרה.** די זאכן טוט מען נאר מיט צען.

**הלכה ה: פורס על שמע**

און נאך א פאר זאכן, וכן, **לא יהא אחד מברך ברכות שמע והכל שומעין ועונין אחריו אמן, אלא בעשרה.** דאס הייסט, תפילת ציבור בעיקר מיינט דאך שמונה עשרה, אבער ס'איז דא אויך א מנהג, אז די זעלבע זאך טוט מען... ס'איז דא עפעס וואס הייסט... אונז טוען עס נישט. אונז טוען נישט תפילת ציבור ברכות קריאת שמע, ווייל יעדער איינער זאגט זיך אליינס ברכות קריאת שמע. אבער וואס הייסט פורס על שמע? דער וואס איז פורס על שמע, אין די גמרא און אין די משנה איז דא אזא מושג וואס הייסט פורס על שמע. וואס מיינט דאס פורס על שמע? פורס על שמע מיינט אז מען מאכט תפילת ציבור אויך אויף ברכות קריאת שמע. איינער זאגט פאר די ברכות, און דער עולם הערט און ענטפערט אמן. איינער זאגט פאר ברכות קריאת שמע, חוץ שמע אליינס. די ברכות פון קריאת שמע זאגט איינער אויס פאר, און דער עולם הערט אויס און זאגט אמן. דאס טוט מען אויך נאר בעשרה. דאס איז די משנה, אין פורסין על שמע בפחות מעשרה.

**קדיש ונשיאת כפים**

יא. נאך א זאך וואס מען טוט נישט, **ואין אומרים קדיש אלא בעשרה.** נאך א זאך וואס מען זאגט נישט נאר בעשרה, דאס איז א זאך וואס הייסט קדיש. מיר וויסן נאך נישט וואס דאס איז. אבער ס'איז זייער אינטערעסאנט, ביי פורס על שמע איז פארקערט, איז א חומרא אז יעדער יחיד זאל עס אליינס ארויסזאגן, און דא זאגט מען בכלל נישט קדיש. ענק ברענגען בכלל נישט קדיש, און ס'איז נישט שייך ביי א יחיד. **ואין כהן נושא את כפיו אלא בעשרה.** יא. און די צען איז דער כהן מן המנין, אויב א חלק פון די מנין איז כהנים, קען מען מאכן נשיאת כפים.

**הלכה ה (המשך): מקור פאר עשרה — עדה**

זאגט אונז דער רמב"ם די סיבה אויף די אלע זאכן וואס הייסט ענינים פון ציבור, תפילת ציבור, טוט מען נאר מיט צען. פארוואס? **שכל עשרה מישראל הרי הן נקראים עדה.** זיי קענען ווערן אנגערופן א קאמיוניטי, אן עדה. די תורה זאגט אז רבים, וויפיל איז רבים? איז צען. אז צען ווערט אנגערופן אן עדה, אזוי ווי ס'שטייט ביי די מרגלים, **שנאמר "עד מתי לעדה הרעה הזאת", והם היו עשרה, שהרי יהושע** העדה הרעה הזאת. דאס הייסט, עדה איז געווען צופיל, די מרגלים, אבער זיי זענען נישט געווען קיין רעה. רעה איז נאר געווען די צען. ממילא זעט מען אז די מינימום עדה איז צען. אזוי איז דער פשט. אן אנדערע מקור.

But anyway, איז שוין. יעצט, נאך א זאך, **"וכל דבר שבקדושה"...** וועלכע דבר שבקדושה דער ישראל חצופה האט זיך נישט אויסגערעכנט? **"וכל דבר שבקדושה"**, יא?

**רמב"ם הלכות תפלה פרק ח: תפילת ציבור — מקור פון עדה, במקום אחד, און שליח ציבור מוציא**

**הלכה ה (המשך) — מקור פון "עדה" = עשרה, און "כל דבר שבקדושה"**

## Speaker 1:

אזוי איז, **"ויסורו מעל אהל העדה הרעה הזאת"**, **"ויסורו"**, שרייבט רש"י, "יהושע וכלב". דאס הייסט, די עדה איז געווען צוועלף מרגלים, אבער זיי זענען נישט קיין רעה. רעה איז נאר די צען. ממילא זעט מען אז די מינימום עדה איז צען. אזוי איז דער פשט. אן אינטערעסאנטער מקור.

But anyways, איז שוין. יעצט, **"וכל דבר שבקדושה"**, וועלכע דבר שבקדושה איז ער מסביר? **"וכל דבר שבקדושה"**. יא, חוץ פון דעם, חוץ פון די אלע ליסט פון זאכן וואס ער האט אויסגערעכנט, די זיבן זאכן וואס דער רמב"ם האט אויסגערעכנט וואס טוט נאר מיט עשרה גדולי ישראל וכו', איז בכלל, כל דבר שבקדושה זאל נישט זיין נאר מיט עשרה.

פארוואס שטייט דא אלע אנדערע תפילות וואס ער האט אויסגערעכנט, מלכיות, זכרונות, שופרות, אדער וואטעווער, ס'איז אלעס תפילות. פארוואס שטייט דא "כל דבר"? אפשר מיינט ער צו זאגן די כלל, די כלל פון די אלע זאכן? איך ווייס נישט. לאמיר זען וואס דא... I don't know. איך מיין אז קיינער האט נישט מיטגעברענגט די פשט דא, איך וויל זיך דענקען.

**"כל דבר שבקדושה לא יהא אלא בתוך עדה מישראל"**. וואס האט ער געמיינט, א חתונה? ס'זענען דאך דא הלכות. **"ונקדשתי בתוך בני ישראל"**. אה, אבער ביי קידוש השם האבן מיר דאך טאקע אזוי, אויב ס'איז בפני עשרה מישראל. יא, אבער וואס האט די עשרה מישראל מיט די ענין פון תפילה בצבור? ס'האט דאך גארנישט צו טון. ס'איז עפעס א קאנעקשן וואס דער רמב"ם זאגט דא.

ניין, ניין, wait, wait, wait. I'm sorry, I'm sorry. איך האב עס געליינט ראנג. איך האב עס געליינט ראנג. ניין, ניין, ניין. ס'איז טאקע אזוי. דא איז דא א סיבה, די צוויי זאכן איז confusing אונז. ער וויל זאגן אזוי. וואס איז דער מקור אז ס'איז דא אזא זאך אז מ'טוט די אלע דברים וואס הייסט "דברים שבקדושה" ב... זאגט ער, ווייל ס'הייסט אן עדה. זאגט ער, אבער די דברים שבקדושה דארף מען טון מיט אן עדה. און זיי זאגן אז אין עדה, ביי בני ישראל שטייט נישט די ווארט עדה, אבער מ'זעט אז מ'פארשטייט אז ס'מיינט אן עדה. און קדושה, **"ונקדשתי"**, איז טאקע פשוט פשט מיינט **"ונקדשתי"** בקדושת השם, אבער ודאי מיינט מען דא נישט בקדושת, און די **"ונקדשתי"** איז **בתוך בני ישראל**. איינער וואס פייטשט אז די קדושה זאל זיין בתוך בני ישראל. דאס איז א המשך פאר די טעם, פאר די מקור. ס'איז נישט קיין נייע הלכה. די הלכה קאנפיוזט, עס שטייט הלכה ו' אפילו, בעצם אפשר איז עס א טעות, איך ווייס נישט, אבער איך זע דארט אויך דא א הלכה וואס איז געווען נאך מיט דיר. אבער די פוינט איז, דאס איז די המשך, די סיום פון די לימוד. מען לערנט אויס פון עדה און קדושה אז עס דארף זיין דווקא בתוך ישראל. זייער גוט.

**הלכה ו — התחילו בעשרה ויצאו מקצתן**

## Speaker 1:

יעצט, די אלע זאכן, יא, חלילה אדער... דאס וואס מ'האט געזאגט אז עס דארפן צען, בעצם לכתחילה דארפן די אלע צען זיין מתחילה ועד סוף, יא, זיי זאלן נישט אוועקגיין אינמיטן. אבער טאמער, יא, מ'האט אנגעהויבן מיט צען, אינמיטן טרעפט זיך אז ס'איז נאר געבליבן זעקס מענטשן, פיר מענטשן געבליבן, אבער זיי זענען רובם, **יגמורו**, דארף מען נישט יעצט טוישן די וועג פון דאווענען. מען קען ווייטער דאווענען אזוי ווי נוסח התפילה שטייט. ס'קען ווייטער דער בעל תפילה אנהאלטן און דער עולם זאל הערן און יוצא זיין. חזרת הש"ץ די זעלבע זאך, מ'קען אויך... אה, מ'דארף טראכטן צו וואס מיינט יגמורו? עס מיינט, מ'גייט זען באלד, מ'מאכט א גאנצע שחרית. קען זיין עס מיינט נאר מ'גייט ענדיגן שמונה עשרה, אבער קיין קדיש נאכדעם גייט ער אפשר נישט זאגן, ווייל דאס דארף שוין אן עדה בשעת הקדושה. אזוי ברענגט ער טאקע בפירוש פון א... פון דער רמב"ם, אז למשל אויב ס'איז עשרה און מ'האט אנגעהויבן ברכות יוצר און ס'איז ארויסגעגאנגען דער עולם, זאל מען זאגן יענע שטיקל, דאס הייסט מ'זאל נישט טון די נעקסטע זאך. קדיש למשל פון נאך שמונה עשרה איז נאך א זאך, זאל מען ענדיגן די גאנצע שמונה עשרה, למשל.

**הלכה ז — צריך להיות עשרה כולם במקום אחד**

## Speaker 1:

זאגט דער רמב"ם, **"צריך להיות עשרה כולם במקום אחד, והשליח ציבור עמהם במקום אחד"**. דאס הייסט, וואס מיינט דאס? דאס איז די צורת התפילה בציבור, ווי שטייט דער עולם? זאגט ער אז אלע צען מיט די בעל תפילה דארפן זיין אין איין צימער. יא, דאס איז הלכות פון קאוויד. **"צריך להיות עשרה כולם במקום אחד, והשליח ציבור עמהם במקום אחד"**. למשל, ווי אזוי דארף עס זיין? זאגט דער רמב"ם א דוגמא. ניין, ער זאגט א דוגמא, ער זאגט אז ס'איז נישט נובר צו... יעצט איז הלכות וואס הייסט במקום אחד? נארמאל במקום אחד מיינט אין די זעלבע צימער. אבער ס'איז דא יוצאים מן הכלל. וואס איז די יוצאים מן הכלל? חצר קטנה שנפתחה לחצר גדולה. ס'איז דא א גרעסערע צימער און אין נעבן א קלענערע צימער. א קליינע היכל אין פראנט פון א גרויסע היכל. עשרה בגדולה ויחיד בקטנה, דער פון די קטנה קען זען די ניין פון די גדולה. ס'שטייט נישט דא גארנישט וועגן זען. ס'שטייט אז זיי דארפן מצטרף זיין צו דארט, נעמען מיט די פארפים. די קטנה ווערט בטל צו די גדולה, אבער די גדולה איז נישט צו די קטנה. אויב ס'איז דא ניין מענטשן אין די קליינע צימער און איינער אין די גרויסע צימער, הייסט ער נישט אז ער איז אין די זעלבע צימער ווי זיי, ווייל א גרויסע צימער אינקלודט אין זיך די קליינע צימער, אבער די קליינע צימער אינקלודט נישט אין זיך די גרויסע צימער. די זעלבע זאך אויב דער שליח ציבור איז אין איין פלאץ, ער גייט מסביר זיין. די זעלבע זאך, שליח ציבור בגדולה, סארי, די ציבור בגדולה און שליח ציבור בקטנה איז ער יוצא, ווייל ס'איז די קטנה. אבער פארקערט, ציבור בקטנה און שליח ציבור בגדולה, איז ער נישט יוצא. **שהרי**, און ער זאגט דא די טעם, **שהרי הוא מופלג מהם**, אין אזא פאל איז די שליח ציבור אפגערוקט פון די עולם, אדער די יחיד וואס מ'האט גערעדט פריער, די יחיד וואס וויל זיך מצטרף זיין, **ואינם במקום אחד**.

**דער רמב"ם'ס סברא: פארוואס די קטנה איז בטל צו די גדולה**

## Speaker 1:

ניין, ער איז מסביר דא ביי די חצר גדולה וקטנה, שיש לגדולה פתח מכאן ומכאן. צווישן די גדולה און קטנה איז דאך דא וועגט, והרי כמה פלגיות יש מן הקטנה וואס האלט עס אפ פון די קטנה. אבער אין די קטנה, מן הפלגיות מן הגדולה, ליכא כי אם זה וזה שווה. די גאנצע ענין פון דאווענען איז דאך אזוי, אז די קטן זאל זיך מחבר זיין און זיך מבטל זיין פאר'ן גדול. וואס ער זאגט דא איז אזוי, ביי די קטנה, אין די פיקטשער, איך ווייס נישט צו איך קען ארייגלייגן די פיקטשער אין די ווידעא, אבער ער זאגט אזוי אן אינטערעסאנטע וועג. איך האב געזאגט פשוט אז די קטן ווערט בטל פאר די גדול, דער רמב"ם זאגט אביסל מער קאמפליצירט. ער זאגט כולי, ביי די קטנה, די גאנצע אורך פון די קטנה, די גאנצע זאך איז אינגאנצן אין די גדולה. ביי די גדולה, דו גייסט אויף די לינקע זייט וואו ס'איז דא די וואנט וואס מאכט אים גרעסער פון די קטנה, דארט איז דאך נישט דא קיין קטנה. סאו די גדולה איז נישט אינגאנצן קאנעקטעד מיט די קטנה, אבער די קטנה איז אינגאנצן קאנעקטעד מיט די גדולה. דאס איז כולי דער רמב"ם'ס אינטערעסאנטע סברא.

**שאלות וואס בלייבן אפן**

## Speaker 1:

על כל פנים, די ווארט וואס מ'לערנט פון די אלע זאכן איז אז ס'דארף זיין, נישט לכתחילה, ס'דארף זיין אין די זעלבע פלאץ. דער רמב"ם זאגט נישט אז מ'קען שטיין אין עקסטערע פארטשעס און זיך זען, איך ווייס נישט. עס זענען פרעגן די רבנים ביי קאוויד. עממ... יא. עס טוט אויך נישט אז מ'דארף

קענען זען בכלל. עס זאגט נישט גארנישט וועגן זען. עס זאגט וועגן... אקעי, רעדט ער דא אין א פאל ווען מ'איז יא אין א בית המדרש. וואס טוט זיך ווען מ'איז בכלל נישט אין א בית המדרש, און מ'קען מצרף זיין מענטשן וואס זענען... סתם אין א פעלד, וואס זענען נאנט און זיי דאווענען צוזאמען. איך דארף טשעקן דעם... דער רב רעדט נישט דא וועגן דעם.

**הלכה ח — נפקא מינה: צואה בגדולה וקטנה**

## Speaker 1:

אקעי, וכן... אה, די זעלבע הלכה. וויבאלד די הלכה איז אז די קטנה ווערט בטלה צו די גדולה און נישט די גדולה צו די קטנה? יא. אונז האבן געלערנט... אונז האבן שוין געלערנט די מושג וואס הייסט צואה, עס קומט אסאך אריין אין אהבה. אונז האבן שוין געהאט ביי קריאת שמע וביי תפילה, אז עס איז א פאטש דאווענען... דא האסטו א מקום בתפילה ובקריאת שמע. איז אויב איז דא צואה בגדולה, אסור להתפלל ולקרוא קריאת שמע בקטנה, ווייל דער גאנצע פלאץ הייסט יעצט א מקום וואס איז נישט נקי. אבער די קטנה, אויב ס'איז דא צואה בקטנה, קען מען ווייטער דאווענען און ליינען קריאת שמע בגדולה, ווייל די קטנה עפעקט נישט אזוי שטארק די גדולה. און לאו שמיה ריח, רבי ניסים מיר פלעגן עס לערנען.

**הלכה ט — שליח ציבור מוציא את הרבים ידי חובתן**

## Speaker 1:

זייער גוט. יעצט גייט מען לערנען וואס געשעט ווען מיר דאווענען בציבור, צי מיר דארפן אויכעט אליינס דאווענען עקסטער. זאגט דער רמב"ם: **"שליח ציבור מוציא את הרבים ידי חובתן"**. די חוב וואס זיי האבן צו זאגן קדושה אדער צו זאגן תפילת שמונה עשרה, איז דער שליח ציבור טוט עס פאר זיי. **"כיצד? בשעה שמתפלל"**, ווען דער שליח ציבור דאווענט, **"והן שומעין"**, דער ציבור הערט, **"ועונין אמן אחר כל ברכה וברכה, הרי הן כמתפללין"**, הייסט עס ווי זיי וואלטן געדאווענט. זאגט דער רמב"ם: **"במה דברים אמורים? במי שאינו יודע להתפלל"**, איינער וואס קען נישט אליין דאווענען, זאל עס טון דורך הערן די בעל תפילה. **"אבל היודע, אינו יוצא ידי חובתו אלא בתפלת עצמו"**. איינער וואס קען יא דאווענען, ער איז נישט יוצא ידי חובתו פון תפילה נאר ווען ער דאווענט אליין.

**דיוק: "ועונין אמן" — א תנאי**

## Speaker 1:

יא. דאס דארף מען פארשטיין וועגן תפילת לחש. דאס דארף מען פריער פרעגן וועגן "שומע כעונה", מ'דארף וויסן וויאזוי די הלכה פון "שומע כעונה" איז נוגע, אבער ס'זעט אויס אז ס'איז דא א מצוה פון דאווענען אליין אויב ס'איז דא די ענין פון שליח ציבור וואס איז מוציא אין הערן אליין. **"ועונים אמן"**, זעט אויך דא אויס אז עס איז ממש א תנאי דארט. ווייל דאס איז די תפילת הציבור. שומע כעונה וואלט נישט געארבעט פאר דעם זעט אויס. מען דארף זען וועלכע הלכה עס העלפט שומע כעונה. וואס זעט דא אויס. יא. דער שאל, וואס מיינט א יודע? ער איז פשוט פשט, ער קען, ער קען זאגן די עברי, ער קען געדענקען די נוסח התפילה. אוקעי, קען זיין אויך אויב איינער האט נישט געקענט מכוון זיין למשל, וואס מען האט געזאגט פריער, מען דארף אין אזא אופן קענען יוצא זיין פון די שליח ציבור. איך ווייס נישט, דער רמב"ם זאגט נישט די זאך יודע, אבער...

**קשיא: תפילת הציבור איז נאר פאר עם הארצים?**

## Speaker 1:

ס'קומט אויס אן אינטערעסאנטע זאך, כל זמן די תפילת ציבור טוט נאר אפ פאר די פאר מענטשן וואס קענען נישט קיין עברי, ס'איז זייער פאני. דער רמב"ם... אוקעי. פארשטייסט וואס איך פרעג? יא. און פריער האסטו געזאגט... איך פרעג אפילו א טיפערע קשיא, פריער האסטו געזאגט אז תפילת ציבור איז בעסער ווי תפילת יחיד, ס'איז מער נענה. זאגסטו יעצט ניין, תפילת הציבור איז בכלל נאר פאר די עם הארצים וואס קענען נישט.

**תירוץ: תפילת הציבור איז די צורה, נישט נאר די מוציא**

## Speaker 1:

